# פרשת וארא כ"ב - כ"ה טבת תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **נחמיה** נ"י בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים אריה קארפען** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**נסתובב השיחה אודות דודם הר"ר יודל ראזענבערג ז"ל מנהל מחנה רב טוב דסאטמאר**

**א' האבלים:** איך האב געהערט אמאל פונעם רב ביי א פרק פארלערנען, נאך רבי יודל'ס הסתלקות, אז אמאל זומער איז די מאמע (הרבנית מסאמבאטהעלי) נישט געווען אזוי געזונט, און דער רב איז געווען אין קעמפ, און רבי יודל האט אריבערגערופן א פאטאגראפירער זאל נעמען א בילד, און ער האט עס אריבער געשיקט צו די מאמע, אז זי זאל הנאה האבן צו זעהן די קינדער. דער רב האט גערעדט ביי די שלשים פונעם פעטער, אין סאטמאר'ער בית המדרש (קליימער), און דער רב האט פארציילט די מעשה וועגן די בעטן.

**רבינו:** עס איז געווען אין קעמפ, איך האב געעפענט יענעם יאר די קעמפ (לישיבת סאמבאטהעלי), און עס איז נישט געווען גענוג בעטן פאר די בחורים. האב איך געבעטען רבי יודל צו איך קען האבן א פאר בעטן, וויפיל עס האט אויסגעפעלט דעמאלטס. האט ער מיר געזאגט, בכבוד גדול, איך זאל אריבערקומען. האט אים זיין זון רבי דוד (ראזענבערג שליט"א) געזאגט, אז מען האט נישט פאר זיך אליין גענוג. האט ער געזאגט, סאטמאר וועט זיך א עצה געבן, אבער דער יונגערמאן וועט זיך נישט קענען א עצה געבן...

**א' האבלים:** איך האב געהערט פונעם רב, אז דער רבי (**הרה"ק מסאטמאר זי"ע**) איז אמאל געקומען באזוכן אין קעמפ, און די קינדער זענען געווען אויסגעשטעלט, און עס איז געווען דארט א קרוב, א יונגעל. און דער רבי פרעגט דאס יונגעל, נו, האסטו ליב דא. זאגט ער, ניין. פרעגט דער רבי, פארוואס. זאגט ער, ווייל מען לערנט צו סאך. זאגט אים דער רבי, נו עס שטייט דאך (אבות ו-ג) אין טוב אלא תורה, און דער רבי דרייט זיך אויס און ער זאגט, ער טייטשט אנדערש, 'אין טוב', עס איז נישט גוט דא, ווייל עס איז 'אלא תורה'...

**רבינו:** איך בין געשטאנען דערביי. דער רבי האט געזאגט, די קעמפ הייסט 'רב טוב', ווייל עס איז דא אסאך תורה. אבער דער יונגעל טייטשט, 'אין טוב', עס איז נישט גוט, ווייל עס איז 'אלא תורה'.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"י סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט אין די גמרא (יומא ט:) אז דער בית המקדש הראשון איז חרוב געווארן וועגן די דריי הארבע עבירות, עבודה זרה גילוי עריות שפיכת דמים. אבער ביי דעם בית המקדש השני איז געווען תורה עבודה און גמילת חסדים, און וועגן שנאת חנם וואס איז געווען ביי יודען, איז חרוב געווארן דער בית המקדש. עס קען זיין גמילת חסדים, מען קען האבן ארגאנאזעשאנ"ס פאר יעדע סארט חסד וואס עס פעלט אויס, די גמרא רופט עס אן, אז זיי זענען געווען מופלג אין תורה און עבודה און גמילת חסדים, אבער עס איז נישט קיין סתירה מיט שנאת חנם. פון דעסטוועגן דאך פארגינט מען נישט פאר א צווייטן, און מען איז ברוגז אויף א צווייטן, און מען צוקריגט זיך, אמאל פאר כבוד, אמאל פאר געלט וכדומה. וועגן שנאת חנם איז חרוב געווארן דער בית המקדש. ללמדך, זאגט די גמרא, ששקולה שנאת חנם אזוי ווי עבודה זרה גילוי עריות און שפיכת דמים. און עס דארף האבן א ביאור, ווי אזוי קען זיין אז עס זאל זיין שקולה. שקולה איז טייטש אז מען לייגט א זאך אין א וואגשאל, און איינס וועגט נישט מער ווי דער צווייטער. איז עס דען אזוי, אז עבודה זרה גילוי עריות און שפיכת דמים איז די זעלבע וואגשאל ווי שנאת חנם? דאס איז דאך עבירות פון כריתות און מיתת בית דין און יהרג ואל יעבור, און דא רעדט מען פון שנאת חנם?

**עס** קען זיין אז דער פשט אין די גמרא איז, עס איז דא א הלכה לגבי שבת (שו"ע או"ח שכח-יד), אז פיקוח נפש איז דוחה שבת. ווען א יוד איז קראנק, און ער דארף האבן צו עסן, מעג מען שחט'ן א בהמה פאר אים, און געבן צו עסן. ווי אזוי איז ווען עס איז דא טריפה פלייש אים צו געבן, און טריפה איז דאך א גרינגערע איסור ווי שחיטה, וואלט איך געדארפט זאגן, אז מען זאל אים געבן צו עסן טריפות, און מען זאל נישט שחט'ן קיין בהמה פאר אים. איז די הלכה ניין, מען שחט א בהמה פאר אים, און מען גיט אים נישט צו עסן קיין טריפות. עס זענען דא מערערע טעמים דערויף, איין טעם איז, ווייל ווען מען איז עובר אויף א איסור פון שבת, איז עס א איסור פון איינמאל. האסט גע'שחט'ן די בהמה, האסטו אפגעטון די עבירה. ווען ער עסט טריפות, איז אויף יעדן כזית וואס ער עסט, איז ער עובר אויף א לא תעשה. און נישט נאר אויף יעדן כזית, נאר א חצי שיעור איז אויך אסור מן התורה, איז יעדע ביס וואס ער גיט, איז ער עובר א דאורייתא. קומט אויס ווען מען גיט אים צו עסן טריפות, וועט ער עובר זיין צענדליגער און צענדליגער איסורים ביז ער וועט אויפעסן זיין סעודה. און דא ביים שחט'ן, איז מען נאר עובר איין איסור. איין הארבער איסור, און אקעגן דעם צענדליגע קליינע איסורים, איז חשוב'ער צו טון א גרעסערע איסור, ווי די קלענערע.

**עבודה** זרה גילוי עריות און שפיכת דמים איז א הארבע עבירה, אבער עס איז א עבירה פון איינמאל. ער האט געטון אן עבירה, ער האט גע'הרג'ט יענעם, ער האט געדינט עבודה זרה, שוין. שנאת חנם איז אן עבירה וואס ער איז עובר יעדע מינוט. ווילאנג ער האט פיינט דעם חבר, איז ער פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג עובר אויף לא תשנא את אחיך בלבבך (ויקרא יט-יז), האסט דאך אים פיינט. און ער האט נישט פיינט נאר איין מענטש, ווייל אויב ער האט זיך נישט אויסגעארבעט אין די מדה פון שנאה, האט ער דאך זיין קליקע, זיינע צען מענטשן, וועמען ער האט פיינט, איז ער יעדע רגע עובר צען מאל אויף לא תשנא את אחיך. אויף ראובן איז ער עובר, און אויף שמעון, און אויף לוי, און אזוי ווייטער. זאגט די גמרא, אז עס איז שקולה שנאת חנם, אזוי ווי עבודה זרה גילוי עריות און שפיכת דמים. די הארבקייט פון עבודה זרה איז טאקע אסאך הארבער, אבער דאס איז נאר א איינמאל'יגע עבירה, אבער שנאת חנם איז אן עבירה וואס חזר'ט זיך איבער פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג. און נישט נאר פאר איינמאל, נאר צענדליגער מאל, צו וויפיל מענטשן ער האט פיינט. וועגן דעם איז שקולה שנאת חנם אזוי ווי עבודה זרה גילוי עריות און שפיכת דמים (ועיין **שמן ראש** חלק י"א בראשית דף תקפז).

**מען** האט גערעדט די פאריגע מאל (בסעודה שלישית פרשת ויחי העעל"ט), אז דער אייבערשטער האט אויפגעבויט דעם בית המקדש בחלקו של בנימין. פון אלע שבטים האט דער אייבערשטער אויסגעוועלט חלקו של בנימין. אין די תורה שטייט נישט וואו מען זאל בויען דעם בית המקדש, נאר אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם מכל שבטיכם (דברים יב-ה), דער אייבערשטער וועט שוין אויסקלויבן. און אזוי איז געוועהן, ווען מען איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל, האט מען הערשט אויפגעבויט דעם בית המקדש פיר הונדערט און פערציג יאר שפעטער, ביז דעמאלטס איז געוועהן שילה און נוב און גבעון. דער בית עולמים, דער מקום אשר יבחר ה', האט דער אייבערשטער בוחר געווען שפעטער. פארוואס האט עס דער אייבערשטער בוחר געווען שפעטער, ער האט נישט געוואוסט פאר דעם אז דער בית המקדש וועט זיין אין ירושלים? האט ער דאך געקענט זאגן, ווען מען וועט ארויפקומען קיין ארץ ישראל, דארף מען בויען א מקדש אין ירושלים, און דארט זאל מען ברענגען די קרבנות. פארוואס האט ער געזאגט, אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם, דער באשעפער וועט שוין בוחר זיין וואו עס זאל זיין.

**עס** שטייט אין מדרש די פאריגע וואך (ב"ר צט-א), למה תרצדון הרים גבנונים, ההר חמד אלקים לשבתו (תהלים סח-יז), זאגט דער מדרש, ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל האט יעדער שבט געזאגט, איך וויל אוועקגעבן א פלאץ צו בויען דעם בית המקדש. יעדער האט געוואלט אז עס זאל זיין אין זיין חלק, איך וויל האבן די זכיה צו בויען א בית המקדש פארן אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געזאגט, למה תרצדון הרים, וואס פארפירט עטץ, הרים, די גרויסע לייט, אז מען זאל בויען ביי ענק דעם בית המקדש. גבנונים, כולכם צדיקים, איז דער לשון פון מדרש, עטץ זענטס אלע צדיקים, עטץ זענטס אלע שבטים, אבער כולכם

גנבים, עטץ האטס געגנבעט יוסף, און מען האט אים פארקויפט, ביי ענק קען איך נישט בויען קיין בית המקדש. ההר חמד אלקים לשבתו, איך גיי נאר בויען דעם בית המקדש אין חלקו של בנימין, וואס בנימין האט נישט געהאט קיין חלק אין מכירת יוסף. וואס האט עס צו טון? ווייל זיי זענען געווען ביי מכירת יוסף, קען מען נישט בויען קיין בית המקדש ביי זיי, און בנימין וואס האט נישט געהאט קיין חלק, קען מען יא בויען א בית המקדש.

**דער** בית המקדש איז געווען דער פלאץ וואו עס איז אראפגעקומען די גאנצע ברכה אויף די וועלט, אלעס איז געקומען פונעם בית המקדש, כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם (תהלים קלג-ג). לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל, אלא השלום (עוקצין ג-יב), עס קען נישט זיין א כלי וואס איז מחזיק ברכה, דארט ווי עס איז נישט דא קיין שלום. אז מען קען נעמען א ברודער און פארקויפן, פעלט די כלי מחזיק ברכה. און אז עס איז נישט דא קיין כלי מחזיק ברכה, קען דער אייבערשטער נישט בויען דארטן קיין בית המקדש. דער אייבערשטער האט געזאגט, איך קען נאר בויען דעם בית המקדש אין בנימין'ס חלק, בנימין האט נישט געטשעפעט קיינעם, דארט קען איך בויען א בית המקדש. אבער עטץ זענטס כולכם גבנונים, עטץ זענטס גנבים, און אויף א פלאץ פון א גנב, קען איך נישט בויען דעם בית המקדש.

**קומט** אויס, אז דאס וואס דער אייבערשטער האט געבויט דעם בית המקדש בחלקו של בנימין, לערנט אונז, אז לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום. אויב דער אייבערשטער וואלט שוין בוחר געווען אין ירושלים, ווען מען איז געווען אין מדבר, אז דאס זאל זיין דער מקום המקדש. און שפעטער ביים גורל וואלט עס אויסגעפאלן בחלקו של בנימין, וואלט מען זיך נישט אפגעלערנט דערפון, אז דער אייבערשטער איז נאר בוחר משרה צו זיין זיין שכינה אויף בנימין. איך וואלט געזאגט, דער אייבערשטער האט בוחר געווען אין ירושלים, איינער האט דאך דאס געמוזט זוכה זיין, איז דער גורל געפאלן אויף בנימין. דער אייבערשטער האט געזאגט, ניין, איך וויל קודם מען זאל צוטיילן גאנץ ארץ ישראל, און איך וויל אז ירושלים זאל אנקומען צו וועם איך וויל אז עס זאל אנקומען. און ווען עס וועט אנקומען ירושלים צו בנימין, דעמאלטס וועל איך זאגן, יעצט בויטס מיר א בית המקדש דא בחלקו של בנימין. דאס האט געלערנט דעם לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל, אלא השלום.

**קומט** אויס אז עס קען נישט זיין קיין בית המקדש נאר בחלקו של בנימין. פארוואס, ווייל ביי בנימין איז נישט דא קיין שנאה און קיין קנאה. ויקנאו בו אחיו, וישנאו אותו, דאס איז געווען ביי די איבריגע שבטים. און ווען ביי יודען איז דא שנאת חנם, קען נישט זיין קיין בית המקדש צווישן זיי. פונקט אזוי ווי דער בית המקדש קען נישט זיין אין די חלקים פון די איבריגע שבטים, נאר בחלקו של בנימין, פארוואס, ווייל בנימין איז דער וואס האט זיך מיט קיינעם נישט געקריגט, איז ווען ביי יודען איז דא שנאת חנם, קען נישט זיין דארט קיין בית המקדש.

**איז** נישט דער פשט אז שנאת חנם איז אזא גרויסע עבירה, אז עס וועגט איבער, נאר לגבי בויען דעם בית המקדש, עס זאל זיין א בית המקדש, א בית ה', עס זאל קענען אראפקומען די ברכה, איז דאס שקולה, פונקט אזוי ווי עבודה זרה גילוי עריות שפיכת דמים ווען עס איז דא ביי יודען, קען נישט זיין דארט א השראת השכינה, אזוי קען נישט זיין קיין השראת השכינה אין א מקדש, אויב עס איז דא שנאת חנם. - און דאס האט אונז דער אייבערשטער געלערנט מיט דעם וואס ער האט בוחר געווען אין חלקו של בנימין, און דארט האט ער געמאכט דעם בית המקדש.

**נו** אז מען זעהט אז משיח איז נאכנישט געקומען, איז א סימן אז עדיין מרקד בינינו. עס איז נאך אלץ דא דער עון פון שנאת חנם. יענער האט געזאגט, עס איז נישט דא קיין שנאת חנם, קיינער האט נישט פיינט יענעם אומזיסט, אדער איז עס פאר געלט, אדער פאר כבוד. עס איז נישט חנם, עס איז נישט אומזיסט, קיינער שטייט נישט אויף צופרי', אז ער האט פיינט דעם חבר, און ער האט אים גארנישט געטשעפעט. נאר רש"י (שבת לב:) זאגט, אז שנאת חנם איז דער טייטש, יעדע שנאה וואס די תורה האט נישט ערלויבט פיינט צו האבן יענעם, ווערט אנגערופן שנאת חנם. די תורה זאגט דאך, אז א רשע מעג מען פיינט האבן. אבער אויב די תורה האט נישט געגעבן דעם רשות דערויף, דאס ווערט

אנגערופן שנאת חנם. מען קען עוסק זיין בגמילת חסדים, מען קען עוסק זיין אין טון גוטס וכדומה, אבער מען דארף ארויסנעמען פון זיך דעם שנאת חנם וואס איז דא צווישן איינעם און אנדערן. על פי רוב איז עס נאר ביי די גוטע פריינט, ביי די משפחות דארט קריגט מען זיך, מיט וועם מען איז אין ביזנעס צוזאמען, קריגט מען זיך, מיט קיין פרעמדע מענטש איז נישט דא קיין שנאת חנם. שנאת חנם איז אלץ דארט ווי מען מיינט אמאל, אז מען וועט פארדינען פון דעם. מען דארף געדענקען, לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, וואו עס איז דא שלום, דארט איז דא א ברכה. אז מען פארדינט געלט, איז נאך נישט טייטש אז מען האט פארדינט געלט, עס דארף זיין א ברכה אין דעם געלט. און טאמער איז נישט דא קיין ברכה אין דעם געלט, האט ער גארנישט פון דעם וואס ער האט עס פארדינט. און וואו עס איז דא שלום, דארט איז דא די כלי וואס איז מחזיק ברכה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יצחק** נ"ו בן הר"ר **משה יוסף האמבורגער** הי"ו, שהתקיים באולם גראנדא פאראדייס.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **נחמיה** נ"ו בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, שהתקיים באולם תשב"ר.

*

***<u>יום שני פרשת וארא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יצחק** נ"ו בן הר"ר **משה יוסף האמבורגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלום שפיערער** הי"ו.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אפרים שטערן** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שלישי פרשת וארא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרב בנימין פאפלאנאש שליט"א** (ר"מ בישיבה גדולה). במשך סעודת השבע ברכות נשמעו דברים על ידי הבחור **יהודא** (ב"ר לוי מיכאל) **גראס** נ"ו, **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), הבעל שמחה **הרב בנימין פאפלאנאש שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** באמירת ברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והתפלל שם תפלת מנחה.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז פאר אונז א געוואלדיגע שמחה, אז מען זיצט צוזאמען ביי א סעודת שבע ברכות, פון א זון פונעם חשובען מגיד שיעור רבי בנימין זאל זיין געזונט. ער האט פריער ארויסגעברענגט די אייגענע שמחה וואס ער האט, ווען ער זיצט צוזאמען מיט די תלמידים פון די ישיבה. שוין אסאך יארן וואס איך זיץ מיט בחורים צוזאמען, און מיט מגידי שיעור אינאיינעם, עס איז א זעלטענהייט אז מען זאל קענען טרעפן אזא מגיד שיעור ווי רבי בנימין. צוגעלאזן צו יעדן איינעם, א גוט ווארט צו יעדן איינעם. איך האב די אלע יארן קיינמאל נישט געהערט אז א בחור זאל זיך אפילו קענען עפעס אפרעדן אז רבי בנימין האט געטון א זאך וואס ער האט נישט געוואלט. אלץ געהערט נאכאמאל א קאמפלימענט, און נאכאמאל א קאמפלימענט. דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה ווייטער אויך, ער זאל זעהן אסאך שמחות און נחת פון די חתן כלה, און ביי אלע קינדער און אייניקלעך אי"ה.

**איך** האב געוואלט רעדן א נושא וואס איז א לימוד פון די פרשה די וואך. עס איז נוגע פאר די עצם שבע ברכות וואס מען מאכט יעצט לכבוד רבי בנימין, און א לימוד פאר יעדן בחור אליין, נישט נאר אין די צייט

וואס מען איז אין ישיבה, נאר מען דארף עס מיטנעמען מיט זיך אויפן גאנצן לעבן שפעטער, דאס איז די מדה פון הכרת הטוב. די שבע ברכות וואס מען מאכט איז דאך א ענין פון הכרת הטוב. מען פילט אז מען האט באקומען פון יענעם גוטס, דארף מען אים צוריקצאלן פאר די טובה וואס מען האט באקומען. און הכרת הטוב איז פון די חשוב'סטע מידות וואס איז דא. ווען א מענטש האט נישט קיין הכרת הטוב פאר א חבר, האט ער נישט קיין הכרת הטוב פארן אייבערשטען אויך נישט. און אז מען געוואוינט זיך צו, צו האבן הכרת הטוב, אויף יעדע טובה וואס מען האט איז מען מכיר טובה, איז מען אויך מכיר טובה שפעטער אויף יעדן חסד וואס דער אייבערשטער טוט פאר אים.

**עס** שטייט אין מדרש (שמו"ר א-ט), ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), זאגט דער מדרש, היום אומר אשר לא ידע את יוסף, ולמחר הוא אומר לא ידעתי את ה'. יוסף האט דאך אויפגעבויט מצרים. אלעס וואס זיי האבן געהאט, האבן זיי געהאט נאר פון יוסף. ער האט צוזאמגענומען אלע כסף פון די וועלט, אלעס האט ער אריינגעברענגט אויף מצרים, און צום סוף האט ער גענומען יוסף'ס קינדער אליין, און זיי געמאכט פאר עבדים. וואו איז דיין הכרת הטוב פאר יוסף? איז ער דאך א גוי, ער האט דאך ממילא נישט קיין מידות. זאגט דער מדרש, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, היום אומר, הייגט זאגט ער, אשר לא ידע את יוסף, היינט קען ער נישט יוסף, ער געדענקט נישט די אלע גוטס וואס ער האט געהאט פון יוסף, ולמחר הוא אומר, און מארגן וועט ער זאגן אויפן אייבערשטן אויך די זעלבע, לא ידעתי את ה'. אז מען געוואוינט זיך נישט צו האבן הכרת הטוב פאר א צווייטן, ווען עס קומט צו הכרת הטוב פארן אייבערשטען, האט מען אויך נישט די הכרת הטוב.

**ווען** מען וויל וויסן די חשיבות פון מכיר טובה זיין פאר א צווייטן, קוקט מען אריין אין די פרשה. די תורה פארציילט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ער זאל ברענגען די מכות אויף מצרים, כדי מען זאל קענען אויסלייזן די יודען פון דארט. און ער האט אנגעהויבן מיט דם צפרדע כנים ערוב און אזוי ווייטער. ווען עס איז געקומען די ערשטע מכה, די מכה פון דם, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, זיי מתרה פרעה אז עס גייט קומען די מכה פון דם, אבער זאג פאר אהרן ער זאל שלאגן דעם יאור, עס זאל ווערן דערפון דם, דו זאלסט אים נישט שלאגן. זאגט רש"י, אזוי ווי דער יאור האט מגין געווען אויף משה רבינו, בשעת מען האט אים אריינגעלייגט אינעם יאור, קענסטו נישט שלאגן דעם יאור. דו קענסט אים נישט קאליע מאכן, דו קענסט נישט מאכן זיין וואסער זאל ווערן בלוט, ער האט דיר געטון א טובה.

**וואס** איז געווען די טובה וואס דער יאור האט אים מגין געווען, שטייט אין די מפרשים, אז מען האט אים געלייגט על שפת היאור, אויף די זייט פונעם יאור. אויף שפת היאור איז א קינד נאך נישט פארלוירן, ווייל דארטן קענען נאך מענטשן צוקומען און ארויסנעמען, ותשלח את אמתה ותקחהו. אבער א וואסער איז דאך דער סדר אז עס לויפט פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, קומט אויס אז ווען מען האט אריינגעלייגט משה אויף איין פלאץ, אין א שעה ארום וואלט ער זיך געקענט טרעפן אינמיטן פונעם נילוס, און ווער וואלט אנגעקומען דארטן אז מען זאל אים קענען צוריק נעמען, האט דער וואסער געטון א טובה פאר אים, אז דער וואסער האט נישט געשטראמט די גאנצע צייט וואס ער איז געווען דארטן, כדי מציל צו זיין משה. זאגט דער אייבערשטער, דער יאור האט דיר געטון א טובה, דו קענסט אים נישט שלאגן. - ווען עס איז געקומען צו די מכה פון צפרדע, איז אויך געווען די זעלבע. מען דארף שלאגן דעם יאור אז עס זאל ארויסקומען די צפרדעים, ושרץ היאור צפרדעים, דו קענסט נישט שלאגן דעם יאור, נישט ביי דם און נישט ביי צפרדע. געב עס איבער פאר אהרן.

**נאכדעם** זאגט אים דער אייבערשטער, כנים, דאס קענסטו אויך נישט מאכן. פארוואס, ווייל ווען דו האסט גע'הרג'עט דעם מצרי, ויטמנהו בחול (שמות ב-יב), דו האסט אים באהאלטן בחול, האט דאך דער חול דיך געראטעוועט אז מען איז נישט געוואויר געווארן אז דו האסט גע'הרג'עט דעם מצרי. דו ביסט מחויב הכרת הטוב פאר דעם חול, דו קענסט אים נישט שלאגן. פון דארט און ווייטער זענען אלע מכות געגאנגען דורך משה רבינו, אבער די ערשטע דריי מכות דם צפרדע כנים איז געווען דורך אהרן, משה רבינו האט עס נישט געקענט טון.

**מען** האט פריער גערעדט, אז רב שמואל בר רב יצחק הוי מרקד אתלת (כתובות יז.), צו דאס גייט ארויף אויף בכל דרכך דעהו, צו ואהבת לרעך כמוך, איך מיין לויט דעם איז דא נאך א פשט. רב שמואל בר רב יצחק הוי מרקד אתלת, ער האט זיך געפריידט אויף אזא חתונה ווי ער האט געקענט די חתן כלה, אז זיי האבן אין זיך די מדה פון הכרת הטוב, וואס הכרת הטוב האט אונז די תורה געלערנט דריי מאל די וואך אין די פרשה. דם, צפרדע, כנים, האט נישט געמאכט משה רבינו, נאר אהרן. הוי מרקד, ער האט זיך געפריידט, אתלת, ביי דעם וואס האט אין זיך די מדה וואס מען געפונט דריי מאל אין די תורה, אז א מענטש דארף מחשיב זיין, יענער האט דיר געטון א טובה, טו אים נישט צוריק קיין שלעכטס. אויב מען פירט זיך אזוי, דעמאלטס קען מען זיך פרייען מיט דעם שידוך. אז מען וועט זיך אויסלערנען איינער פון אנדערן, יעדער האט חתונה, לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו, א מאן דארף האבן הכרת הטוב פארן ווייב אויף וואס זי טוט, און די ווייב דארף האבן הכרת הטוב אויף דעם וואס זי באקומט פון איר מאן. און אז מען לעבט מיט א מדה פון הכרת הטוב דעמאלטס ווייסט מען, אז עס איז דא אהבה ואחוה ושלום ורעות, און מען קען זיך פרייען אויף אזא חתונה.

*

**אבער** מען וויל עס פארשטיין טיפער, קען מען עס ארויסברענגען נאך מער. מען רעדט דאך דא פון גיין מציל זיין יודען, עס זיצן ששים ריבוא יודען אין מצרים מיט א שיעבוד, און עס איז א געוואלדיגער זכות ווער עס קען מקרב זיין די גאולה. ווער עס האט צוגעלייגט א האנט אז מען זאל ארויסשיקן יודען פון מצרים, האט דאך געטון א געוואלדיגען חסד, מציל געווען זעקס הונדערט טויזנט יודען פון שיעבוד. עס איז טאקע דא א חיוב פון הכרת הטוב פאר דעם יאור, אבער דא איז דא ששים ריבוא יודען וואס מען דארף זיי העלפן, נו קען איך נישט געבן א קלאפ אויפן וואסער? עס וועט אים נישט ווי טון די קלאפ וואס משה רבינו האט געגעבן מיט דעם שטעקן אויפן וואסער. און די וואסער וועט ווערן דם, איך ווייס נאך נישט פונקטליך וואס דער ווייטאג איז פון וואסער, אז ער ווערט דם. דאס איז א דומם און דאס איז א דומם, דער האט נישט קיין שכל און יענער האט נישט קיין שכל. אבער פון דעסטוועגן דאך זאגט דער אייבערשטער, ניין, דו קענסט נישט שלאגן די וואסער, דו האסט געהאט א טובה פון אים, קענסטו נישט טון קיין עוולה. איי עס איז תלוי אין דעם גאולת ישראל, זאל עס טון א צווייטער, נישט דו.

**די** ערשטע צוויי מכות קען מען נאך גרינגער פארשטיין, מען האט פריער אויסגערעדט, די יאור איז ארויסגעגאנגען פון איר וועג, א טובה צו טון פאר משה רבינו, ער האט אים נישט פארשוועמט. געוועגליך וואסער שטראמט דאך, און ער האט זיך אפגעשטעלט, ער האט עפעס געאפפערט פון זיך, כדי משה רבינו זאל ניצול ווערן. אז יענער גיט אוועק פון זיך פאר דיר, דארפסטו אים באצאלן. אבער ביי די מכה פון כנים, זאגט דער אייבערשטער, דו קענסט נישט שלאגן די ערד. פארוואס, ווייל דו האסט אריינגעלייגט דעם מצרי אין דער ערד, ער האט דיך מציל געווען. די ערד איז עפעס ארויסגעגאנגען פון איר וועג צו טון עפעס פאר משה רבינו? וויפיל זאכן ליגן אין דער ערד, אלעס איז מען קובר אין דער ערד. וואס פאר א טובה האט די ערד געטון פאר משה רבינו, אז משה רבינו קען אים נישט שלאגן? ווייל ער האט אריינגעלאזט דעם מצרי צו זיך, ער לאזט דאך אריין יעדן. ער איז גארנישט ארויס פון זיין וועג פאר משה רבינו.

**איז** דאך דער טייטש, אז די טיפקייט פון הכרת הטוב וואס דער אייבערשטער פאדערט פון אונז איז, אז אפילו יענער גייט נישט ארויס פון זיין וועג פאר דיר, אבער למעשה האסטו געהאט א טובה פון אים, יענער האט געטון וואס ער האט געדארפט צו טון, ער האט עס געטון ווי געוועגליך, ער דארף עס טון, און ער האט עס געטון, אבער דו האסט געהאט א טובה פון אים, אז ער האט דיך מציל געווען. אז דו האסט א טובה פון יענעם, קענסטו אים נישט צוריק טון קיין שלעכטס.

**דאס** איז טייטש, אז די מכה פון דם און צפרדע לערנט אונז, אז ווען יענער טוט פאר דיר א טובה, ער גייט ארויס פון זיין וועג דיר צו טון א טובה, דארפסטו האבן הכרת הטוב פאר אים. די מכה פון כנים לערנט אונז נאך טיפער, אז אפילו יענער האט גארנישט געטון פאר דיר, אבער דו האסט געהאט

פון אים א טובה, פון דעסטוועגן דאך דארפסטו האבן הכרת הטוב פאר אים. קומט אויס, אז די דריי מכות לערנען אונז די מדה פון הכרת הטוב, אפילו ווען עס איז נוגע אויפצוטון גרויסע זאכן, לייג עס אין די זייט, זאל עס א צווייטער טון, כאפ זיך נישט צו די מצוה, אויב דו דארפסט זיין א כפוי טובה פאר דעם וואס האט דיר געטון גוטס.

*

**מען** געפונט אויף נאך א פלאץ אין די תורה וואס די תורה רעדט פון דעם ענין פון הכרת הטוב, און דארט איז עס גאר א טיפערע מדריגה, מער ווי דם צפרדע און כנים. די תורה זאגט (דברים כג-ח) לא תתעב מצרי, כי גר היית בארצו, ווייל דו ביסט אויך געווען א גר אין מצרים. וואס איז טייטש כי גר היית בארצו? פרעה האט ענק אריינגעלאזט, ווען עס איז געווען די שנות הרעב, עס איז געווען הונגער, מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, און יוסף איז געווען משנה למלך, און יוסף האט אריינגעברענגט יעקב מיט זיינע שבעים בנים אויף מצרים, און דארט איז פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד, ער האט געטון א געסטעריי פאר דיר, ער האט דיך אריינגעברענגט, דארפסטו עס געדענקען שטענדיג. אונז קען מיר נישט פיינט האבן דעם מצרי, ווייל דער מצרי האט דיר געטון א טובה.

**זאגט** רש"י ווייטער, ואף על פי שזרקו את זכוריכם ליאור, ער האט געטון א גרויסע טובה ער האט מיך געהאלטן דארט, אבער וואס האט ער געטון נאכדעם, נאכדעם האט ער גענומען אלע מיינע יונגלעך, און אריינגעווארפן אין וואסער אריין. פארוואס בין איך נאך שולדיג אן הכרת הטוב וואס ער האט מיר געטון, ער האט דאך שפעטער אריינגעווארפן מיינע קינדער אין וואסער. עס איז נישט משנה, דאס נעמט נישט אוועק פון די הכרת הטוב וואס דו דארפסט האבן פאר יענעם. **יענער האט דיר געטון א טובה, דארפסט עס געדענקן. ער האט געטון א רעה שפעטער, וועט מען זיך אפרעכענען מיט אים אין הימל אויף וואס ער האט דיר געטון. אבער דאס זאגט נישט, אז ווייל ער האט דיר געטון שפעטער א רעה, האסטו א רעכט צו פארגעסן אלע זיינע טובות וואס דו האסט געהאט פון אים פריער.** דאס איז טייטש, אז די מדה פון הכרת הטוב איז אזוי טיף, אז אפילו שפעטער האט זיך געטוישט יענעמ'ס מהות אינגאנצן, פון די הכרת הטוב אויף וואס ער האט מיך אריינגעברענגט אז גר הייתי בארצו, רודפ'ט ער מיך, און ער פייניגט מיך. דאס שטערט נישט, דאס נעמט נישט אוועק דעם חיוב פון הכרת הטוב אויף וואס ער האט קודם געטון פאר דיר.

**איך** וועל עס צולייגן אויף קליין געלט, ווייל מען דארף זיך לערנען דערפון, וויסן ווי אזוי א יוד דארף צו לעבן. **וויפיל מאל טרעפט מען בחורים וואס זענען חברים איינער מיטן צווייטן. און אמת'דיגע חברים, זיי געבן זיך אוועק איינער פארן צווייטען בלב ונפש, זיי זענען מקיים ואהבת לרעך כמוך מיט א אמת'דיגקייט. עס קומט אבער אמאל, וואס יענער האט אים געטון אן עוולה, ער האט נישט געטון אזוי ווי ער האט געוואלט, צו ער האט געהערט אז יענער האט אים באליידיגט, האקט ער אפ מיט יענעם, ער ווערט אים א שונא, ער פארגעסט פון אלע טובות וואס ער האט געהאט פון אים ביז יעצט! פארוואס? ווייל ער האט מיר געטון 'איינמאל' שלעכטס...** און דאס איז מעשים בכל יום. אלע מענטשן וואס צוקריגן זיך, זענען אמאל געווען גוט, ווייל אז נישט, וואלט ער זיך נישט געקענט צוקריגן מיט דיר... אז דו ביסט געווען גוט מיט אים, איז דאך דער טייטש, אז דו האסט געהאט פון דעם מענטש אסאך טובות, און פון דעסטוועגן דאך ווען מען צוקריגט זיך, פארגעסט מען פון אלעם. פארוואס נעמט עס אוועק די מדה פון הכרת הטוב וואס דו דארפסט האבן פאר יענעם? וואס איז מיט די גוטס וואס ער האט דיר געטון ביז יעצט? פארוואס ביסטו פטור פון אים צו באצאלן דערויף, ווייל שפעטער האט ער זיך צוקריגט מיט דיר. האט ער געטון א עוולה, איז ער דען ערגער ווי דער מצרי, וואס זרקו זכוריכם ביאור, און פון דעסטוועגן דאך איז דא א מדה פון הכרת הטוב.

**מענטשן אין ביזנעס האלטן אסאך מאל אן ארבייטער, וואס טוט נישט די ארבעט ווי עס דארף צו זיין. ער איז נישט שולדיג אסאך מאל, ער קען עס נישט טון. און דער בעל הבית וויל אים נישט אוועקשיקן פון די ארבעט, ער פלאגט זיך מיט אים, ער פרובירט נאך א וואך נאך א חודש, אויף דעם וועג און אויף יענעם וועג, און ער דערלייגט געלט פון זיין ארבעטער, ווייל ער וויל נישט אוועקשיקן יענעם פון די ארבעט. ביז עס קומט א זמן, וואס עס איז כלו כל**

**הקיצין, ער קען נישט מער, און ער זאגט אים אפ. ווערט ער ברוגז, און צוקריגט, ער האט אים אפגעזאגט פון די ארבעט. וואו איז די הכרת הטוב פאר די יארן וואס ער האב דיר יא געגעבן ארבעט, און ער האט זיך געפלאגט דיך צו האלטן ביי די ארבעט. עס איז אויס הכרת הטוב? דו דארפסט עס מער נישט געדענקען?**

**א מלמד, וואס איז נישט דער געלונגענער מלמד. און דער מנהל פלאגט זיך מיט אים, נאך א יאר און נאך א יאר און נאך א יאר, ער מיינט אז עס וועט זיך בעסערן, ער וויל דאך אים נישט אוועקשיקן. עס קומט א צייט וואס ער זאגט, זוך דיר א צווייטן פלאץ, איך שפיר נישט אז איך קען מיט דיר ארבעטן. ווערט ער ברוגז. וואס ביסטו ברוגז? איך פארשטיי אז עס טוט אים וויי, אז ער האט פארלוירן די ארבעט, אבער וועגן דעם ווערט מען נישט א שונא. וואס איז מיט די הכרת הטוב אויף וואס איך האב דיר געטון אלע יארן ביז יעצט.**

**עס** קומט צו שידוכים, מען האט חתונה. די גאנצע חתונה האבן איז פארבינדן מיט הכרת הטוב. אויב עס איז נישט דא קיין הכרת הטוב איינער פארן צווייטן, איז נישט דא קיין שלום בית. יעדער דארף מכיר טובה זיין, **יעדער מאן באקומט גוטס פון זיין ווייב, און יעדע ווייב באקומט גוטס פון איר מאן, און איינער דארף שעצן דעם אנדערן אויף די הכרת הטוב וואס מען האט. אסאך מאל מאכט זיך, מען קומט זיך נישט אדורך אויף עפעס, על כן פארגעסט מען פון אלעם וואס עס איז געווען פאר דעם, עס איז שוין נישט דא גארנישט?!**

**עס** איז דא א גמרא (ירושלמי כתובות יא-ג), און א מדרש (ב"ר יז-ג), ומבשרך אל תתעלם (ישעיה נח-ז), פאר א קרוב איז מען מחויב צו געבן צדקה מער ווי פאר א צווייטן. 'ומבשרך', עס איז דיין קרוב, טארסטו זיך נישט מתעלם זיין פון אים. ביי צדקה איז דאך דא חיובים ווער עס איז קודם פארן צווייטן. ווען א מענטש קען נישט געבן פאר יעדן איינעם, איז דא חיובים פאר וועם ער דארף געבן קודם. פאר א קרוב דארף מען געבן פאר מען גיט פאר א צווייטן. ברענגט צו דער **ש"ך** (יו"ד סימן רמ"ז סק"א), אז ווען ער האט זיך גע'גט פון זיין ווייב, און זי דארף יעצט האבן א חסד, איז ער מחויב צו געבן פאר די גרושה, פאר ער גיט פאר א צווייטן, אלץ ומבשרך אל תתעלם. אזוי איז גע'פסק'נט אין **שלחן ערוך** (אבהע"ז קיט-ח). עס איז דיין ווייב, זי האט דיר געטון אזויפיל גוטס, עס איז 'בשרך', והיו לבשר אחד (בראשית ב-כד), איש ואשה. מען האט זיך גע'גט, מען האט זיך נישט געקענט אדורכקומען שפעטער, מען קען עס נישט ווייטער ממשיך זיין, אבער עס נעמט נישט אוועק די חיובים וואס דו האסט צו איר, אויף די צייטן וואס איז דיר גוט געגאנגען.

**ביותר**, צו טאטע און מאמע, וואס אויסער הכרת הטוב, איז דא א עקסטערע מצוה פון כבד את אביך ואת אמך (שמות כ-יב). **וויפיל א טאטע און א מאמע געבן זיך אוועק פאר א קינד, קען א יונגל און א בחור נישט שאצן, ביז מען ווערט נישט אליין א טאטע, און מען האט אליין קינדער, דעמאלטס זעהט ער וואס זיין טאטע און מאמע האבן זיך אוועקגעגעבן פאר אים.** מען קען אפילו נישט פארשטיין, וויפיל טרערן און וויפיל פלאג עלטערן גייען אדורך מיט א קינד, ביז מען קומט נישט אליין אין דעם מצב.

**איך** האב אמאל געהערט טייטשן דעם פסוק (תהלים קכח-ו) וראה בנים לבניך שלום על ישראל. אסאך מאל איז דא וואס קינדער קומען נישט אדורך מיט עלטערן. דער טאטע וואלט אזוי געדארפט טון, די מאמע וואלט אזוי געדארפט טון, פארוואס האט מען מיר דאס געזאגט, פארוואס האט מען מיר דאס געטון, אייביג האט מען דאך טענות, עס איז גרינג צו האבן טענות. שפעטער ווען ער האט אייגענע קינדער, ער זעהט ווי אזוי די קינדער מאכן אויך די זעלבע חשבונות מיט אים, דעמאלטס הייבט ער אן צו פארשטיין, אז זיין טאטע און מאמע זענען נישט געווען אזוי אומגערעכט מיט וואס זיי האבן געטון. ווען עס וועט זיין 'וראה בנים לבניך', ווען דיינע קינדער וועלן האבן קינדער, דעמאלטס וועט ווערן 'שלום על ישראל', דעמאלטס וועט צוריק ווערן שלום פון פריער.

**אסאך מאל איז דא, מען צוקריגט זיך מיטן טאטען, מען צוקריגט זיך מיט די מאמען. דער טאטע האט נישט געוואלט טון וואס ער האט געוואלט, איז מען ברוגז. האט ער דיר דען געטון ערגער ווי די מצריים האט געטון פאר דיר? און וואס איז מיט דעם כי גר היית בארצו, דו וואוינסט ביי אים אזויפיל יארן אין**

**שטוב, און ער גיט דיר צו עסן, ער האט דיך אויפגעהאדעוועט מיט אלעם ארום, אלעס ווערט פארגעסן?** - דאס איז די מדה פון הכרת הטוב וואס די תורה לערנט אונז, א מענטש דארף זיך געוואוינען צו לעבן מיט די מדה פון הכרת הטוב.

**רב** שמואל בר רב יצחק הוי מרקד אתלת, ווען מען האט חתונה, און מען שטעלט אויף אן ערליכע שטוב אינאיינעם, און עס איז דא די מדה וואס מען געפינט ביי די דריי מכות פון פרעה, אז מען האט אלעס אוועקגעלייגט אין דער זייט, נישט צו טשעפענען איינעם וואס מען האט געהאט פון אים גוטס, דארט האט ער געוואוסט קען ער זיך פרייען, אזא חתונה וועט האבן א דויערהאפטיגן שלום אויף שפעטער.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, אז דאס דארף יעדער ארויסנעמען ביי זיך אליין. א חברותא וואס מען האט, אפילו מען האט א טענה וכדומה, טאר עס נישט אפהאקן די טובות וואס מען האט געהאט פון יענעם אלע צייטן ביז אהער, נאר פראבירן וואס מען קען אנהאלטן. מען קען אסאך מאל נישט אנהאלטן די חברותא, נו קען מען נישט אנהאלטן, אבער עס טאר נישט ברענגען קיין שנאה, עס טאר נישט ברענגען קיין ריחוק איינער פונעם צווייטן.

**מען** האט פריער גערעדט אז דאס איז דאך א מסיבה פון הכרת הטוב פאר רבי בנימין, וואס דא איז נישט דא די אלע טענות. נישט עס איז הרגו זכוריכם, און עס איז נישט אז ער טוט נאר וואס ער דארף צו טון. מען רעדט פון אן הכרת הטוב פאר איינעם וואס גייט ארויס פונעם נארמאלען וועג וואס א מגיד שיעור דארף טון פאר בחורים טוט רבי בנימין פאר אונז אלע. איז אוודאי אז עטץ זענטס אלע שולדיג א הכרת הטוב. און איך מיין נישט, אז מיר זענען שולדיג, מיר האבן אלע אמת'דיג אן הכרת הטוב פאר דעם גוטס וואס ער טוט מיט אונז.

**זאל** דער אייבערשטער אים געבן ווייטער אויך, לאנגע געזונטע יארן, קענען אויפטון און מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. דער באשעפער זאל געבן אי"ה שמחות און נחת בקרוב ביי אונז אלע, דער באשעפער זאל צושיקן זיווגים הגונים פאר די אלע וואס דארפן צו האבן, מען זאל קענען בקרוב זיך פרייען איינער מיטן אנדערן'ס שמחה. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א לניחום** אבלים אצל הר"ר **חיים אורי שלעזינגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו ע"ה.

*

***<u>יום רביעי פרשת וארא</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אפרים יצחק הילמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקולען.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי פנחס פריעדמאן שליט"א** ראש הכוללים דחסידי בעלזא בארה"ק, לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** איר זענט דא אויף א שמחה?

**הגר"פ:** מיין איידעם מאכט בר מצוה. איך האב פונקט נעכטן געזעהן פונעם **זוהר הק'** (רעיא מהימנא פ' כי תצא רפב:) אז די תפלין של יד וואס מען בינדט אויף די הענט, איז די עקידה. און איך הייב אן אזוי צו טראכטען, די עקידה איז דאך געווען ממתיק צו זיין דעם דין מיט חסד. אברהם איז געווען מדת חסד, און יצחק איז געווען מדת הדין. וואס איז דעמאלט דער של ראש? איז דא א **רוקח** (בספר **סודי רזיא** פתיחה לחלק א') אז די תפלין של ראש, איז יעקב אבינו. עס שטייט אין **ספר יצירה** (פרק ג' משנה ח') אז מיט די אות שי"ן איז באשאפן געווארן די אש, והיה בית יעקב אש (עובדיה א-יח). און איך הייב אן צו קוקען אזוי, ביי יעקב אבינו איז דאך געווען וישם מראשותיו (בראשית כח-יא), זאגט דאך דער **זוהר הק'** (פ' ויצא קמו:), אז די שלשה עמודי עולם, איז אברהם גמילות חסדים, יצחק איז עבודה, און יעקב איז תורה. און אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:), מוז זיין קודם

אברהם און יצחק, די תפלין של יד, וואס דאס ווייזט אויף מסירת נפש, און נאכדעם איז יעקב עמוד התורה, למען תהיה תורת ה' בפיך (שמות יג-ט). עס איז ביי מיר א נייע זאך, אז ווען איך טוה אן די תפלין של יד, איז עס אזוי ווי די עקידת יצחק.

**רבינו:** קודם דארף מען האבן דעם געדאנק, און נאכדעם ווערט עס שוין נתפשט.

**הגר"פ:** איך האב געטראכט אויפן וועג, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך (דברים כח-י), ביי יעקב איז דאך געווען אז די מלאכים בעו לסכוני, עס שטייט אין די גמרא (חולין צא:) אז עס איז געווען די מלאכי חבלה, און והנה ה' נצב עליו, לשמרו. איז וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך, אלו תפלין שבראש. - דאס איז שוין ווי מען רופט עס אן די ... אבער עס איז ממש א זאך וואס איך האב נישט געוואוסט.

**רבינו:** עס האט מיר א יוד נאכגעזאגט פונעם **בית יצחק**, אז דער בית יצחק האט געזאגט, אז ווען עס קומט חודש שבט אדר, הייבט ער אן צוצוגרייטען די סוגיא, פארן פשעטיל וואס ער וועט דארפען זאגען שבת הגדול. נאכדעם וואס ער האט מסדר געווען דעם פלפול, קומען צו אלץ קרישקעלעך. און די קרישקעלעך זענען אלץ שענער פון די עצם הדבר.

**הגר"פ:** די קרישקעלעך ווייזען אז מען גייט אויפן ריכטיגן וועג. - איך וויל זאגען נאר א ווארט, וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי (בראשית טו-יד), זאגט רש"י, בעשר מכות. עס איז דא א געוואלדיגע חידוש אינעם **רבינו בחיי** (שמות ד-י) בשם **רבינו חננאל**, אז משה רבינו איז געווען א כבד פה וכבד לשון, און ער האט נישט געקענט זאגען די אותיות השיניים, מיט די אותיות הלשון. אותיות השיניים דאס איז כבד פה, און די אותיות הלשון איז כבד לשון. עס איז דא די בריוו פון **רבי שמשון מאוסטראפאליע**, אז די עשר מכות זענען געווען דורך ג' אלפים ר"פ מלאכי חבלה, און די רמז דערויף איז, להכות באגרף רשע (ישעיה נח-ד), אגרף איז די ראשי תיבות ג' א'לפים ר"פ. איז דא אויף דעם א פלא'דיגע **היכל הברכה**, אז די שם הוי"ה מיטן שם אדנ"י, מיט אלע מילואים, איז בגימטריא ג' אלפים ר"פ. ביי יעדע מכה האט משה רבינו געזאגט כה אמר ה', ער האט דאך געברענגט די עשר מכות, די עשר מכות איז בגימטריא ג' אלפים ר"פ, און ער האט געדארפט זאגען דעם שם הוי"ה מיטן שם אדנ"י. זיי ברענגען צו פונעם **אר"י הק'**, אז דער שם אדנ"י איז מרומז אין 'דן' אנכי. איז אלע אותיות האט ער געקענט זאגען, חוץ 'דן', ווייל דאס איז די אותיות הלשון. האט דער אייבערשטער געזאגט, וגם את הגוי אשר יעבודו 'דן' אנכי, די אותיות 'דן' וועל איך זאגן. זאגט רש"י בעשר מכות, ווייל די עשר מכות איז אויך בגימטריא ג' אלפים ר"פ.

**רבינו:** דער **חתם סופר** (**בתורת משה** שמות י:) ברענגט, אז די אותיות בומ"ף האט ער נישט געקענט זאגען.

**הגר"פ:** יעצט וואלט איך געוואלט הערן א ווארט פונעם רב.

**רבינו:** איך האב געזאגט דעם שבת, אז דער בית המקדש איז געווען אויפגעשטעלט בחלקו של בנימין, און ער האט זיך מצטער געווען אויף א רצועה וואס איז געווען אין חלק פון יהודא, ורצה לבולעה, אזוי שטייט אין פסוק (דברים לג-יב) חופף עליו כל היום. לפיכך נעשה אושפיזכן לגבורה (מגילה כו.). און זיי פלאגען זיך אלע וואס איז דער 'לפיכך'. ער האט דאך געזעהן אז דער בית המקדש וועט זיין בחלקו, און ער האט געזעהן אז א רצועה פעלט אים, לפיכך?! דאס האט דאך געברענגט זיין צער. רש"י טייטשט, אז דער ארון איז געווען בחלקו. עס שטייט פונעם **גר"א** (**אדרת אליהו** פרשת וזאת הברכה שם), **נעשה** אושפיזכן, אז איבעראל וואו מען האט געבויט דעם בית המקדש, איז עס אלץ געווען בחלקו של בנימין (זבחים קיח:). שילה און נוב וגבעון, איז אויך געווען בחלקו של בנימין. און עס איז געווען א אושפיזכן, עס איז נאר געווען אזא גאסט הויז, עס איז נישט געווען א בית עולמים. ווייל ער האט זיך מצטער געווען אויף דעם וואס ער האט נישט באקומען דעם גאנצן חלק אין ירושלים, האט ער זוכה געווען צו דעם חלק.

איך האב געטראכט, אז מען געפונט אין די גמרא (יומא לט:), אז עס איז געווען כמה זאכען אין בית המקדש וואס עס איז געווען ביז יריחו. וכבר אמר אנא השם ונשמע קולו עד יריחו, וואס איז געווען עשר פרסאות ווייט. עס איז דא דארט זאכען אויסגערעכנט, וואס מען קען עס פארשטיין בדרך הטבע. קטורת האט מען געקעט שפירן דעם ריח ביז אהין. עס איז געווען א שטארקע געררוך, און דער ווינט האט עס געטראגען, דאס קען מען דערהערן. און איינע פון די זאכען איז, וכבר אמר אנא השם, ונשמע קולו ביריחו, דאס איז שוין געווען חוץ לדרך הטבע. אז א מענטש רעדט אין די עזרה, און מען הערט עס ביז יריחו, איז עס געווען בדרך נס. אין **ריטב"א** (שם) שטייט, וכבר אמר, עס איז נאר געווען

אמאל, אבער עס איז נישט געווען אייביג. לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, פארוואס האט עס געדארפט אנקומען ביז יריחו. נאכדעם, יריחו איז דאך נאר איין זייט פונעם בית המקדש. אז מען הערט דעם קול, דארף מען עס הערן צען פרסאות אויף די זייט, און צען פרסאות אויף די אנדערע זייט. וואלט די גמרא געדארפט זאגען, אז מען האט געהערט דעם קול עשר פרסאות ארום און ארום. אין די גמרא איז משמע, אז מען האט עס נאר געהערט ביז יריחו. וואס איז יריחו אז ער האט זוכה געווען.

רש"י ברענגט צו אין פרשת בהעלותך (במדבר י-כט), אז משה רבינו האט געזאגט פאר יתרו, אז ער זאל ארויפקומען קיין ארץ ישראל. איי ער וועט נישט האבן קיין נחלה וואו צו זיין, ער וועט אים געבן דושנה של יריחו. דאס האט מען אוועקגעלייגט פאר דעם שבט וואס אויף זיין פלאץ וועט מען בויען דעם בית המקדש, און ביז מען וועט בויען דעם בית המקדש, האט מען נישט אוועקגעגעבן דושנה של יריחו, וועסטו קענען וואוינען דארט בערך פיר הונדערט יאר און פערציג יאר, ביז מען האט אויפגעבויט דעם בית המקדש. קומט אויס אז ווען מען האט אויפגעבויט דעם בית המקדש, און בנימין האט אוועקגעגעבן א חלק פארן בית המקדש, האט ער באקומען די שטאט יריחו, אז עס איז אויך זיין חלק. איז ווייל ער האט זיך מצטער געווען אויף די השראת השכינה וואס האט אים געפעלט אין די רצועה, האט אים דער אייבערשטער באצאלט, אז וואו עס וועט זיין זיין חלק, וועט אנקומען די קדושה פונעם בית המקדש. יריחו דאס איז דיין חלק, איז ונשמע קולו. מען האט נישט געהערט איבעראל, נאר אין יריחו, עס וועט האבען א השפעה, וואו דו וועסט האבן א חלק, וועט עס קומען. און דאס איז אושפיזכן, עס איז נאר געווען אזוי ווי א גאסטהויז, עס איז נישט געווען שטענדיג דארט די השראת השכינה, עס איז נאר געווען בשעת מען האט געעפענט די טויערן, בשעת מען האט געזאגט אנא השם, בשעת מען האט מקטיר געווען די קטורת, און דאס איז דער נעשה אושפיזכן לגבורה, פארוואס יריחו האט באקומען אז ונשמע קולו.

**הגר"פ:** איך האב אמאל געזעהן א מדרש (ילקוט שמעוני וזאת הברכה תתקנז), פארוואס איז געווען בין כתפיו שכן (דברים לג-יב). ווייל יעקב אבינו האט זיך אנגעליינט אויף אים. אלע קינדער זענען אוועק פון דער היים, און ווען דער טאטע יעקב האט געדארפט גיין, האט ער זיך אנגעליינט אויפן אקסעל פון בנימין, האט דער אייבערשטער געזאגט, אויף אזא מין אקסעל וויל איך זיך שטעלן. איך זאג אלעמאל ווען איך זעה ווי אזוי קינדער שלעפן א טאטע, זאג איך, דו זאלסט וויסן דו שלעפסט א ספר תורה.

**רבינו:** איך האב געזאגט די וואך שבת, איך האב גערעדט פון די נקודה אויך, אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן חלקו של בנימין. עס איז דא נאך א פלא אין די תורה. דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, וועט מען נישט קענען מקריב זיין קרבנות איבעראל, כי אם במקום אשר יבחר ה' אלקיך (דברים יב-יד). דער אייבערשטער האט געוואוסט דעם אדרעס וואו מען גייט בויען דעם בית המקדש, פארוואס האט ער נישט מגלה געווען וואו דער בית המקדש איז, נאר לשכנו תדרשו (שם יב-ה), מען דארף פרעגן און דורש זיין. זאל דער אייבערשטער זאגען, אז אין ירושלים עיר הקודש דארט זאל זיין דער בית המקדש.

נאר דער אייבערשטער האט געשטעלט דעם בית המקדש בחלקו של בנימין, ווייל ביי בנימין איז נישט געווען קיין קנאה און שנאה. ער האט נישט געהאט א חלק אין מכירת יוסף, האט עס דער אייבערשטער געבויט אין זיין פלאץ. דער באשעפער האט געוואלט ווייזען, אז דער בית המקדש איז דאך דער פלאץ וואו עס קומט אראפ די ברכה, כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם (תהלים קלג-ג), און אזוי ווי לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום (עוקצין ג-יב) עס קען נישט זיין ערגעץ אנדערש. כדי אונז זאל מיר זיך קענען אראפלערנען די מדה, אז א ברכה איז נישט דא, נאר דארט וואו עס איז דא שלום, האט דער אייבערשטער בוחר געווען אין דעם פלאץ. ווען דער אייבערשטער וואלט ווען געזאגט אין מדבר, בעפאר מען האט נאך צוטיילט ארץ ישראל, אז מען גייט בויען דעם בית המקדש דארט, וואלט מען דאך נישט געוואוסט אז דער טעם פארוואס דער בית המקדש איז געבויט דארט, איז ווייל עס איז בחלקו של בנימין, עס איז דאך נאכנישט געווען חלקו של בנימין. וואלט מען דעמאלטס געזאגט פארקערט, דער אייבערשטער האט געמאכט דארט דעם בית המקדש, און בנימין האט זוכה געווען אריינצוכאפן דעם פלאץ. האט דער אייבערשטער געזאגט, ניין, איך זאג נישט וואו איך גיי בויען דעם בית המקדש, צוטייל קודם ארץ ישראל, אז עס זאל אויסקומען פאר חלקו של בנימין, און דעמאלטס וועל איך זאגען

אז דאס איז דער פלאץ אשר יבחר ה' אלקיך, אויסצולערנען די מדה פון שלום.

**הגר"פ:** מען קען מיט דעם זאגען, פארוואס דוד המלך האט אזוי גערודערט, אשר נשבע לה' נדר לאביר יעקב וגו', עד אמצא מקום לה', משכנות לאביר יעקב (תהלים קלב-ב), ווייל ער איז דאך געווען פון יהודא, און יהודא איז דאך עבדך ערב את הנער (בראשית מד-לב), ממילא האט ער זיך געזארגט פאר בנימין. א רצועה פון יהודא איז אריינגעגאנגען צו בנימין, ווייל עבדך ערב את הנער.

**ושוחחו עוד בעניני תפלין ובר מצוה, ורבינו שליט"א מסר לו ספר ויגד משה אוצר ענינים, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **פנחס שטראהלי** הי"ו.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **ירמיה ישראל** ני"ו בן הר"ר **שלום וויטריאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר זוסמאן** הי"ו.

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל מסיבת 'נחלתינו' לטובת הבנין החדש של הישיבה גדולה ההולך ונבנה לשם ולתפארת (בשכונת איסט פלעטבוש), שנערך לתלמידי יוצאי הישיבה, והתקיים בבית הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**דער** נביא (ישעיה מט-יח) זאגט, שאי סביב עיניך וראו כולם נקבצו באו לך. עס איז ביי מיר א שמחה און א תענוג, צו זעהן חברים פון די יונגע יארן, פון די ימי הנעורים, וואס עס איז געווען די שענסטע יארן וואס א מענטש האט, מען איז געזעסן אין בית המדרש על התורה ועל העבודה, יעדער לפי ערכו. איך קוק ב"ה וואס עס איז אויסגעוואקסן פון זיי, כולם אהובים כולם ברורים, חשובע ערליכע יונגעלייט, וואס פירן ערליכע יודישע שטובער. מען קומט זיך צוזאם כדי מחזק צו זיין די מתיבתא, עס איז א געוואלדיגער זכות פאר אונז אלע.

**די** וואך אין די פרשה געפונט מען, אז משה מיט אהרן זענען געווען די שלוחים פונעם אייבערשטען צו טון די אלע ניסים. רש"י (שמות ו-כו) זאגט, אז איינמאל שטייט, הוא משה ואהרן, און איינמאל שטייט הוא אהרן ומשה. עס קומט צו לערנען, אז זיי זענען געווען שקולים איינער אקעגן צווייטן, זיי זענען געווען די זעלבע. דו זאלסט נישט מיינען אז משה איז געווען מער און אהרן ווייניגער, צו אהרן איז געווען מער און משה ווייניגער, די תורה איז מקדים אמאל משה און אמאל אהרן, ווייל זיי זענען געווען שקולים כאחד.

**און** עס דארף האבן א ביאור. זענען דען משה מיט אהרן געווען שקול איינער אזוי ווי דער צווייטער? עס איז דא כמה זאכן וואס מען געפונט אז משה רבינו איז געווען אסאך מער ווי אהרן. ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים (דברים לד-י). אהרן איז געווען א נביא, און משה איז געווען א נביא. אבער די נביאות פון משה רבינו איז געווען א טיפערע נבואה ווי אהרן, פה אל פה אדבר בו, ומראה ולא בחידות (במדבר יב-ח). און דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים כאשר ידבר איש אל רעהו (שמות לג-יא). משה רבינו איז ארויף אין הימל, אהרן איז נישט ארויף אין הימל. ווער איז געווען א גרעסערער תלמיד חכם, משה צו אהרן? משה איז געווען אסאך א גרעסערער תלמיד חכם פון אהרן. משה איז געווען פערציג טעג אין הימל, און דער אייבערשטער האט אים איבערגעגעבן די גאנצע תורה, און משה רבינו האט נישט געקענט פארנעמען אזויפיל תורה אין די פערציג טעג, און דער אייבערשטער האט אים גענעפענט דעם קאפ, און ער האט אין פערציג טעג געקענט אדורכלערנען כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש (ויק"ר כב-א). כל התורה כולה וואס מיר האבן היינט, און וואס עס קומט אלץ צו, האט משה רבינו געקענט. אהרן האט נישט געלערנט אין פערציג טעג די גאנצע תורה, עס שטייט נישט אויף אהרן אז ער האט געקענט כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

**אהרן** האט געהאט אנדערע זכותים. אהרן האט געקענט טון די עבודה אין בית המקדש וואס משה רבינו האט נישט געטון. אהרן איז געווען אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב). עס שטייט אין מדרש (אבות דר"נ יב-ד), אז אהרן האט געמאכט שלום אין הונדערטער שטובער. וואו עס איז געווען א מחלוקת צווישן צוויי יודען, האט ער אויסגעגראדט. משה האט נישט געהאט די מדריגה. ווי אזוי קען מען זאגן, אז זיי זענען געווען שקולים איינס ווי דער צווייטער.

**נאר** דער חשבון ווי אזוי מען רעכנט אז א מענטש איז שקול אזוי ווי דער צווייטער, איז נישט אז דער האט געטון מער, און דער האט געטון ווייניגער. דער איז מער מופלג אין איין זאך, דער איז ווייניגער מופלג אין די זאך. נאר עס ווערט געמאסטן לויט וויפיל א מענטש האט משלים געווען זיין שליחות אויף די וועלט פארן אייבערשטען. למשל, אז א מלך גיט ארויס פאר איינעם צו טון ארבעט, און פארן צווייטן צו טון ארבעט. פאר איינעם האט ער געגעבן צען מאשינען וואס זאל טון די ארבעט, און פאר איינעם האט ער נאר געגעבן פינף מאשינען, און דער ערשטער גיט ארויס דאפעלט וויפיל דער צווייטער גיט ארויס. אבער ביידע האבן געטון די זעלבע ארבעט פארן קעניג, ביידע האבן אויסגעפירט וואס מען האט זיי געבעטן. איי דער האט ארויסגעגעבן אסך מער ווי דער צווייטער, איך האב אים געגעבן די כלים דערפאר, איך האב אים געגעבן די מעגליכקייט ער זאל קענען טון מער, האט ער געטון מער. פאר אים האב איך נישט געגעבן די מעגליכקייט, האט ער נאר געקענט טון וויניגער.

**יעדער** מענטש האט א תפקיד אויף די וועלט. און ווען ער פירט אויס זיין תפקיד בשלימות, וואס ער האט געקענט טון, איז ער צוגעקומען צו זיין שלימות וואס ער האט געקענט צוקומען. פאר דעם חבר האט דער אייבערשטער געגעבן מער כשרונות ווי ער האט, ער האט מער מעלות, ער איז געבוירען געווארן מיט אנדערע מידות, מיט אנדערע פעאיגקייטן וואס דער חבר האט נישט. פון דיר פארלאנגט מען מער, ווייל דיר האט דער אייבערשטער געגעבן אנדערע כשרונות וואס ער האט געגעבן פארן צווייטן. און ווען דו ביסט משלים דיינע כשרונות, דעמאלטס ביסטו צוגעקומען צו דעם תכלית. אויב דו האסט נאר געטון אזויפיל וויפיל דער חבר טוט, וואס האט נישט די כשרונות, זענט נישט אייניג. אפילו עטץ זענטס אייניג אין די מעשים, אבער עטץ זענטס נישט אייניג, ער האט געטון הונדערט פראצענט וואס מען דארף, און דו האסט נאר געטון פופציג פראצענט פון וואס דו דארפסט.

**משה** רבינו האט געהאט אסאך מער השלמה פון וויפיל אהרן האט געהאט. דער באשעפער האט אים געגעבן כוחות הנפש אויף אסאך א העכערן אופן פון וויפיל אהרן האט געהאט. פון דעסטוועגן דאך, משה רבינו האט אויסגענוצט זיינע פעאיגקייטן ביז די גרעסטע מאס, און אהרן האט אויסגענוצט זיינע פעאיגקייטן אויף די גרעסטע מאס. אז דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו א קאפ וואס קען משיג זיין כל התורה כולה, און ער איז געזעסן און געלערנט כל התורה כולה, האט ער געטון די מאקסימום וואס ער קען. אהרן האט נישט געהאט די כלים, און אז ער האט נישט די כלים, האט ער געטון די מאקסימום וואס ער האט געקענט טון, מיט זיינע אנדערע מעלות, וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אהרן, וואס משה האט נישט געהאט, האט ער דארט אויסגעפירט זיין שליחות ווי עס דארף צו זיין. - זאגט די תורה, הוא משה ואהרן, הוא אהרן ומשה, יעדער מענטש ווען ער פירט אויס זיין תפקיד בשלימות, איז ער צוגעקומען צו זיין מדריגה.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן די וועלט פון א יששכר מיט א זבולון. עס איז דא וואס זיצן באהלה של תורה, און עס איז דא וואס דער אייבערשטער האט זיי נישט געגעבן די מעגליכקייט זיי זאלן זיצן באהלה של תורה. אבער דער באשעפער האט זיי געגעבן אן אנדערן תפקיד, דו דארפסט נישט זיצן אין בית המדרש, דו דארפסט טון דיין ארבעט, אויפשטעלן א שטוב, לערנען, קביעת עתים לתורה די שעות וואס דו ביסט פריי. געבן צדקה, טון מצות ומעשים טובים, דאס איז דיין תפקיד אויף די וועלט.

**און** ווען יששכר טוט זיין ארבעט בשלימות, און דער זבולון טוט זיין ארבעט בשלימות, ווען זיי קומען ארויף אויבן אין הימל, זענען זיי ביידע אייניג. יששכר האט געטון וואס מען האט אים געהייסן, און דער זבולון האט געטון וואס מען האט אים געהייסן. נישט יעדער איינער איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה, אבער יעדער איינער האט די מעגליכקייט צוצוהעלפן און צוצושטיין אז תורה זאל בליען. דאס איז די עבודה פון יעדן יוד וואס קען נישט זיצן אליין באהלה של תורה, צוצוהעלפן אז תורה זאל וואקסן.

**מען** רעדט יעצט פון בויען א בנין פאר תורה. עס איז דא א מצוה ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). עס איז געווען א חיוב, יעדער יוד האט געדארפט האבן א חלק אינעם בית המקדש. דער באשעפער האט געקענט מאכן אז דער בית המקדש זאל אראפקומען בנוי מן השמים, אזוי ווי עס וועט

זיין לעתיד. אבער די מצוה איז געווען, פון דעם נעם תכלת, פון דעם ארגמן, פון דעם נעם כסף, פון דעם נעם זהב ונחושת און אזוי ווייטער, יעדער זאל קענען האבן א חלק אין אויפשטעלן א מקדש.

**מיר** האבן נישט היינט קיין בתי מקדשים, אבער ואהיה להם למקדש מעט (יחזקאל יא-טז), אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות (מגילה כט.). די מקומות וואו מען זיצט און מען לערנט און מען דינט דעם אייבערשטען, דאס איז אונזער מקדש. מיר קענען נישט מקיים זיין דעם ועשו לי מקדש, צו בויען א געהעריגען בית המקדש, אבער אין 'דעם' מקדש, קען יעדער יוד האבן א חלק. עס איז דא צדקה וואס א יוד גיט, וואס האט א חשיבות. עס איז דא אפילו החזקת התורה וואס א יוד גיט, וואס האט א חשיבות, אבער עס איז דא א געוויסע נקודה אין בויען א בית, וואס זאל זיין א מקדש ה', דאס איז א מקדש מעט.

**מען** דארף ענק נישט פארשטעלן וואס די ישיבה איז, ווייל עטץ זענטס דארט אלע געווען. יעדער ווייסט אז עס איז א ערליכער מקום תורה, מען זיצט און מען לערנט פון צופרי ביז ביינאכט. ווען עס וואלט נישט געווען מיין ישיבה, וואלט איך עס מער גערימט, איך קען נישט אליין רומען דעם מקום. אבער עס איז א זעלטענהייט פון א מקום תורה, וואו עס איז דא תורה און יראת ה' מיט מידות טובות, און די אהבת חברים וואס איז דא צווישן די בחורים, שטייט אויף גאר א הויכע מדריגה.

**עס** איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדן איינעם וואס קען צוהעלפן דערצו, אז די זאך זאל קענען צושטאנד קומען. מען האלט שוין ממש ביי די לעצטע שטאפלען, די מסיבה איז אין די בחינה פון אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה (סוטה יג:), דאס איז דער גמר וואס מען רעדט יעצט, מען האט שוין אזויפיל געלט אריינגעלייגט, מען דארף נאך האבן די לעצטע שטופ, אז מען זאל קענען די זאך גומר זיין.

**דער** אייבערשטער זאל ענק בענטשן מיט ברכה און הצלחה פאר יעדן איינעם אין וואס ער טוט. דער באשעפער זאל ענק געבן, מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער, קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער, מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. און מיר זאלן אייביג קענען זיצן צוזאמען מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זוכה זיין צו דעם ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יצחק** נ"ו בן הר"ר **פנחס רובין** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

*

***ערב שבת קודש פרשת וארא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יצחק** נ"ו בן הר"ר **פנחס רובין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **ישעי' ליכטענשטיין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ישראל והזמנים.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' ביחד עם בחורי הישיבה קטנה, במחנה בנות ישראל וויזניץ (סאוט פאלסבורג).

*

***שבת קודש פרשת וארא***

לתפלת מנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר תפלת מנחה נשא דברים **הרב מענדל פרענקל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה בגודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי. לתפלת קבלת שבת עבר לפני התיבה הרב **יוסף יהושע פליישמאן** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק').

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה וניגוני שיר ושבח ליום השבת. – בעת הסעודה נשמעו דברי תורה מאת הבחור **יעקב** (ב"ר יחיאל) **שטערן** נ"ו, וכמו כן השמיע דברים בנעימים **הרב פישל לעווי שליט"א** מנהל רוחני דישיבתנו הק'.

במשך הסעודה והבאטע השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' וויזער שליט"א**. - אחר הבאטע התאספו הבחורים כל כתה וכתה עם המגידי שיעור שלהם, והמשיכו בדברי תורה ובמזמור שיר לכבוד יום השבת.

ביום השבת עבר לפני התיבה לפסוקי דזמרה הבחור **יצחק מרדכי פאללאק** נ"ו. ולתפלת שחרית ניגש הרב **יוסף יהושע פליישמאן** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'). תפלת מוסף התפלל לפני התיבה הבחור **משה הלל אײדליס** נ"ו.

בסעודתא דעתיקא קדישא בצוותא חדא עם **רבינו שליט"א** נתכבד הבחור **יהושע** (ב"ר אהרן שלמה) **ווײנגארטען** נ"ו באמירת דברי תורה, אחר כך דרש הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' וויזער שליט"א**, והחדב"ן **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה, באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים לנצל את ימי השובבי"ם, שיהיה לו רק שאיפה אחת לעבוד את ה', ולוותר על רצונותיו הגשמיים, וללמוד שעות רצופות בלי הפסק.

***קטעים מתוך הדברי תורה:***

**...זכרתי** לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך, דער באשעפער געדענקט דעם חסד נעוריך, ווי אזוי עס איז געווען די יונגע יארן, ווי אזוי מען איז געווען אפגעהיטן אין מצרים, קודש ישראל לה', יודען האבן זיך געפירט הייליג, זיי זענען געווען ערליך. מיט די ירידות וואס מען האט געהאט, אבער פון דעסטוועגן דאך, אין זאכן וואס איז געווען נוגע צו קדושה, האט זיך יעדער יוד געפירט אין א הויכע מדריגה.

**דאס** איז געווען אין מצרים. און די זעלבע איז אויך שטענדיג. יעדער יוד האט זיינע יונגע יארן, וואס דאס איז די שענסטע יארן וואס ער האט אין זיין לעבן, דעמאלטס בויט מען זיך אויף. ווי אזוי מען פירט זיך אויף אין 'די' יארן, וואס מען שטייגט, וואס מען איז קונה אין די יארן, דאס לאזט איבער א רושם אויף אלע זיינע טעג שפעטער. **אז מען האט זיך געפירט ערליך אין די יונגע יארן וואס מען האט, מען האט זיך מקדש געווען, מען איז געווען דבוק אין תורה, מען איז געזעסן און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטען, דאס בויט אויף דעם מענטש, און דאס איז דער חסד נעוריך וואס דער אייבערשטער געדענקט שטענדיג.** ווען מען איז שוין אויף די עלטער, און מען דינט דעמאלטס דעם אייבערשטען, די נסיונות זענען שוין נישט אזוי ווי עס איז געווען אין די יונגע יארן, עס איז אויך חשוב, אלעס איז חשוב ביים אייבערשטען, אבער דער אייבערשטער זאגט זכרתי לך חסד נעוריך, איך געדענק ווי אזוי דו האסט זיך אויפגעפירט אין די יונגע יארן, דאס בלייבט איבער א חסד וואס דער באשעפער געדענקט שטענדיג. וזכרתי אני את בריתי אותך בימי נעוריך, דעם 'בריתי' מיט דיין 'אות'ך וואס דו האסט בימי נעוריך, דאס געדענקט דער אייבערשטער. און דאס איז והקימותי לך ברית עולם, אז דו ווילסט דיין קדושה זאל אנהאלטן אויף שטענדיג, דארף מען זעהן, אז אין די יונגע יארן וואס מען האט, זאל מען זיך פירן ערליך. מען זאל אוועקגיין פון יעדע זאך וואס האט צו טון מיט א גוי, פון יעדע זאך וואס איז א נסיון, סחור סחור לכרמא לא תקרב, נישט צוגיין נאנט צו א פלאץ ווי מען קען צוקומען צו א מכשול. ווען מען האט שוין א נסיון, פאלן מיר אדורך, אונז האב מיר נישט די כוחות אונז זאל מיר זיך קענען געהעריג מתגבר זיין. אבער זיך היטן בעפאר דער נסיון קומט, זיך היטן נישט נאנט צו גיין אויף א פלאץ וואו מען האט א נסיון, דאס קען א יעדער יוד אדורכפירן, און דאס גיט די מעגליכקייט ער זאל קענען שפעטער וואקסן און שטייגן אין תורה.

*

**...מיר** וואוינען נישט אין קיין מדבר, מיר וואוינען ליידער אין זייער א גוזינקענע שטאט, אין זייער א גוזינקענע וועלט בכלל, אבער מיר האבן א מדבר. דער בית המדרש דאס איז אונזער מדבר. אין בית

המדרש איז מען אפגעזונדערט פון די וועלט, מען איז מוקף מחיצות, מען איז ארומגענומען מיט מחיצות, מען האט נאר די תורה מיטן אייבערשטען, און דינען דעם באשעפער. **ווען א יוד וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, ער וויל זוכה זיין, צו זיין א עובד ה', ער וויל זוכה זיין זיך צו פירן ערליך, דארף ער וויסן אז זיין פלאץ איז נישט אין ערגעץ אויף דער וועלט, נאר אין בית המדרש.** ווען ער גייט ארויס פונעם בית המדרש אויף איין שעה, איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין מדבר, און ער איז שוין ארומגענומען מיט נסיונות. ווען ער קומט אהיים, דארף ער גיין גראד אין בית המדרש. ווען ער איז אין ישיבה, איז ער אין ישיבה, ווען ער איז אינדערהיים איז ער אין בית המדרש, דעמאלטס ווייסט ער אז ער קען זיין אפגעהיטן, און זיך פירן ערליך.

**יראת** ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), ווען איינער איז לומד תורה בטהרה זאגט די גמרא (יומא עב:), עס איז יראת ה' טהורה, דעמאלטס איז די תורה עומדת לעד. **אז מען וויל זוכה זיין אז די תורה וואס מען לערנט זאל נישט אוועקגיין, עס זאל נישט פארלוירן גיין, וויפיל פאלן לײדער אוועק פון יודישע קינדער, וואס זענען אויך געווען אמאל אין חדר, זיי זענען אויך געווען אמאל אין ישיבה, און מען קוקט אן לײדער ווי אזוי זיי קוקן אויס היינט, עס האט געפעלט דער יראת ה' טהורה, עס איז נישט געווען ביי זיי.** זיי זענען געווען לכו זבחו 'בארץ', מען איז געלעגען אין ארץ. מען קען לערנען, און מען קען דאווענען, און מען קען טון עבירות, מען קען אלעס טון, א געמישעכץ, דעמאלטס האט עס נישט קיין קיום. יראת ה' טהורה, דארט ווי עס איז דא ריין יראת ה', עומדת לעד, דארט בלייבט עס אויף שטענדיג.

*

**...אונז** ווייס מיר אז דער אייבערשטער קומט נישט בטרוניא עם בריותיו, דער באשעפער פארלאנגט נישט פון א מענטש א זאך וואס ער קען נישט. און א מענטש האט נישט קיין נסיון אויף א זאך וואס ער קען נישט עומד זיין. אויב דער באשעפער האט דיר דאס אונטערגעשיקט, איז א סימן אז דו קענסט עומד זיין אין דעם נסיון. דער באשעפער פארלאנגט נישט פון א מענטש ער זאל זיך פלאגן אויף תורה, און קענען מער וויפיל זיין השגה איז. דער אייבערשטער קומט נישט בטרוניא עם בריותיו, דער אייבערשטער בעהט נאר פון יעדן מענטש, פתחו לי פתח כחודו של מחט, טו דיין ארבעט, הייב אן צו טון, עפען נאר אפילו א קלייניגקייט, נעם דיך פאר אז איך גיי גיין בדרכי תורה, איך וועל נישט האבן קיין שום שייכות מיט קיין גוי אויף דער גאס, [איך מיין נישט די גוים פערזענליך, מיט א גוי וויל ער ממילא נישט האבן קיין שייכות], איך וויל נישט האבן די וועגן פון די גוים, עס אינטערעסירט מיך נישט קיין שום זאך וואס טוט זיך אויף די וועלט, אויסער תורה! ער איז זיך ממית באהלה של תורה.

**וואס** מיינט אז מען הרג'עט זיך אויף תורה? דער רצון פון א מענטש ווערט אנגערופן נפש. אם יש את נפשכם (בראשית כג-ח), טייטשט רש"י, רצונכם. וואס א מענטש וויל, דאס איז זיין נפש. וואס א מענטש האט א הנאה דערפון, דאס איז זיין רצון, און א רצון איז א נפש. און **אז א מענטש גיט אוועק זיין רצון פארן אייבערשטען, איך וואלט יעצט טאקע זייער שטארק געוואלט זעהן די זאך, איך וואלט געוואלט גיין דארט, אבער דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען גייט נישט, גיי איך נישט! און ער איז מפקיר זיין רצון, פאר'ן רצון ה', דארט ליגט די ברכה פון תורה. נאכדעם ווען ער זעצט זיך לערנען, נאכדעם ווען ער האט א זמן פון עבודת ה', לייכט ביי אים זיין תורה, עס לייכט ביי אים זיין עבודת ה'.** ער האט זיך מוסר נפש געווען, ער האט אוועקגעגעבן זיין רצון פארן אייבערשטען, ער האט זיך ממית געווען, דארט קומט די ירושה, אז די תורה ווערט אים זיין א מורשה.

**דער** באשעפער בעהט פון אונז, טוה וואס דו קענסט. זיץ באהלה של תורה. זכרתי לך חסד נעוריך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה. חסד נעוריך, **די יונגע יארן זענען די שענסטע יארן וואס מען האט. און וואס מען פארדינט יעצט, דאס בלייבט אויפן גאנצן לעבן. און ח"ו אז מען פארלירט די צייט, עס איז א קורצע צייט וואס מען זיצט אין ישיבה, ביז א פאר יאר איז מען אינדרויסן פון דארט. וואס מען האט קונה געווען, דאס באגלייט דעם מענטש כל ימיו. ח"ו אז מען האט עס פארפאסט, האט מען פארפאסט נישט נאר די יאר אדער צוויי יאר, נאר מען האט פארפאסט זיין גאנצע זיבעציג יאר שפעטער.** עס איז א אנדערע סארט לעבן ווען מען וואקסט נישט אויס א תלמיד חכם, מען האט נישט אויסגענוצט די ימי הנעורים וואס מען האט. און

דאס בעהט פון אונז דער אייבערשטער, זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך, דער באשעפער געדענקט ביי אונז שטענדיג, אונזער חסד נעוריך, דאס וועט בלייבן ביים אייבערשטען פאר א זכרון ווי אזוי מיר האבן זיך אויפגעפירט אין די יונגע יארן.

**מען** האלט יעצט אינמיטן פונעם זמן, מען האט שוין היינט געהערט, אז פאר די ערשטע העלפט קומט נישט קיין שכר פארוואס מען האט געדינט דעם אייבערשטען, עס איז געווען א תענוג רוחני. עס קומט די צווייטע העלפט, ב"ה יעדער איינער האט געעפענט על כל פנים א פתח כחודו של מחט, אין דעם ערשטן העלפט פונעם זמן. מען איז געזעסן און מען האט געלערנט פלייסיג, און מען איז געשטיגן אין תורה און עבודת ה'. מען האלט ממש אינמיטן פונעם זמן יעצט, עס קומט דער צווייטער העלפט, מען דארף זיך ארייננווארפן באהלה של תורה, **יעדער דארף האבן זיינע שאיפות וואו ער וויל אנקומען. איך וויל קענען די מסכתא וואס מען האט געלערנט דאס יאר! איך וויל איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט פאראיאר! איך וויל קענען די זייטיגע שיעורים וואס איך לערן. ווי מער ער וועט זיך ארייגלייגן אין זיינע שאיפות עס אויסצופירן, ער וועט עס נעמען מיט א ערנסטקייט, זיך ממית זיין באהלה של תורה, וועט אים שפעטער לייכטן זיין תורה און זיין עבודת ה', און אלע זיינע ענינים וואס ער דארף האבן שפעטער.** - און דאס איז די ארבעט וואס עס פאדערט זיך פון אונז אין די יונגע יארן וואס מען האט, עס אויסצונוצן פאר תורה און עבודת ה'.

**מען** איז ארויסגעקומען אויף א שבת צוזאמען, איך פערזענליך האב געהאט א געוואלדיגע הנאה צו זיצן מיט די בחורים אינאיינעם, און איך האף אז די בחורים האבן קונה געווען אין משך פונעם שבת. מען האט געהערט אזויפיל שיינע דרשות און רעיונות וואס א בחור קען זיך מיטנעמען, און וואס ער דארף מיטנעמען. עס קומט די לעצטע מינוטן פונעם שבת, דארף יעדער פאר זיך, בינו לבין עצמו, זיך מאכן א סך הכל, וואס האב איך געהערט, וואס גייט זיך טוישן ביי מיר פון מארגן אן, אין מיין וועג פון לערנען, פון מיין דאווענען, ארבעטן אויף מיינע מידות און אזוי ווייטער, וואס וועל איך מיטנעמען מיט מיר פון די טעג.

**מען** דארף נישט קיין סאך מיטנעמען, יעדער איינער זאל זיך נעמען כאטש איין נקודה, וואס אין די נקודה גייט ער פון יעצט אן זיין מער אפגעהיטן. וואס אין די נקודה שפירט ער, אז ער האט געהאט א ירידה, און איך גיי זיך מיט דעם מתגבר זיין, איך גיי נעמען אויף מיר צו שטייגן דערין, וועט מען זעהן די געוואלדיגע ברכה וואס וועט אריינקומען שפעטער. אזוי זאגט דאך דער אייבערשטער, במדה שאדם מודד מודדין לו, אין די מידה וואס א מענטש פירט זיך, טוט מען אין הימל זיך אויך מיט אים פירן. אז אונז וועל מיר טון, אונז וועל מיר עפענען אונזער פתח כחודו של מחט, וועט דער אייבערשטער עפענען זיין פתח, ווי דער לשון פונעם מדרש איז, אז עס זאלן קענען אריינגיין אינעווייניג עגלות וקרונות.

**זאל** דער באשעפער העלפן אי"ה, אונז זאל מיר אלע אויסנוצען אונזער לעבן צו דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זיך קענען ממית זיין באהלה של תורה, זיצן אין א מדבר אפגעזונדערט פון די וועלט, און אזוי דינען דעם באשעפער. דער באשעפער זאל געבן פאר אונז אלע לאנגע געזונטע יארן, צו דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל ענק בענטשן, עטץ זאלטס וואקסן גרויס אין תורה און יראת שמים און עבודת ה', לערנען, דאווענען, טון מצות ומעשים טובים, טון חסד איינער מיטן צווייטן. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת סיפר **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים (מתוך הספר **דברי דוד**) מאת **הרה"ק רבי דוד משה מטשארטקוב זי"ע**. בברכת המזון נתכבד הרב **יואל מייזעלס** שליט"א (משגיח בישיבה). אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות. - אחר מלוה מלכה נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי ללינת לילה.